

בעזהשי"ת

# קינדערגארטן ווינקל



ארויסגעגעבן דורך
**סאטמאר קינדערגארטן**
וויליאמסבורג

**פרשת דברים - שבת חזון - פרקי אבות פרק ג'**
עש"ק ו' מנחם אב שנת תשפ"ה לפ"ק

**שנה י"ז - גליון 793**
זמנים: עש"ק 7:56 – מוצש"ק 9:22

## מזל טוב א שמחה ביי אידן – זומער פראגראם

### אנגעהויבן לערנען די 4'טע שמחה'לע פון א אידיש קינד – די בר מצוה – די תפילין,

מען שפאנט ב"ה צו די **גרעסערע שמחות**.. אנגעהויבן פון די וואך וועלן גיין די שמחות פער 2 וואכן, 2 **וואכן בר מצוה און 2 וואכן די חתונה**. די ערשטע וואך וועט מען זיך מער גרייטן און די צווייטע וואך וועט מען מער אויפשפילן.

**די וואך** האבן מיר ווייטער ממשיך געווען מיט **מזל טוב א שמחה ביי אידן – זומער פראגראם** מיר האבן אנגעהויבן באקאנט צו ווערן גוט מיט די 4'טע שמחה'לע ביי א אידיש הויז ווען א אינגל ווערט שוין **א בר מצוה בחור**. מיר זענען זייער פרייליך, די געוואלדיגע שמחה ביי א אינגל ווען ער ווערט שוין 13 יאר. מיר האלטן מיט אז מ'גייט קויפן א שיינע היט, מיט הייליגע תפילין, מיר הערן פארשידענע שיינע זאכן איבער די הייליגע תפילין ווי למשל, ווער שרייבט תפילין, דער סופר, וואס שטייט אין די תפילין, די 4 פרשיות פון קריאת שמע, וויפיל פאר תפילין לייגט מען, ווי טוט מען אן די תפילין. א.א.וו. יעדע זאך מיט אזויפיל אינטערסאנטקייט.

מיר האבן געהאט די געלעגענהייט צו זעהן די הייליגע צעטיל פון די תפילין וואס דער סופר האט אונז געוויזן (זעה באזונדערע באשרייבונג).

### ~ אונזערע הענטלעך פארנומען מיט די תפילין ~ ארט. און אקטיוויטעיטן

**אלעס ארום תפילין האבן מיר געלערנט און געטוהן אויף זייער א שיינע פארנעם די וואך ב"ה.** מיר האבן אליינס געמאכט זייער שיינע תפילין צוויי שווארצע באקסלעך איינס האבן מיר אנגעפילט מיט אביסל נאש, און די צווייטע האבן מיר אריין געלייגט א קליינע צעטעלע אזוי ווי אין עכטע תפילין, אויך האבן מיר געמאכט די רצועות פון אונזער תפילין אזוי אז מיר וועלן זיך אי"ה זייער שיין שפילן מיט אונזערע תפילין....

**ווען מיר האבן פארענדיגט די** פּאָר תפילין האבן מיר באקומען אן עכטע תפילין בייטל זייער שיין ווי מיר וועלן קענען האלטן אין דעם אונזערע תפילין מיט א געשמאק. וואס מיר האבן שוין אהיים געברענגט די וואך.

**מיר וועלן** אי"ה ווייטער מיטהאלטן מיט שפאן נאך שיינע זאכן פון א בר מצוה. אי"ה קומענדיגע וואך בעזהשי"ת.

**א ספעציעלע "בר מצוה" ביכל** מיט יעדע זאך האבן אונז באקומען אזוי שיין ווי מיר לערנען דערין און פארשטייען אלעס אזוי געשמאק. יעדע בילד האט א גוטן באדייט וואס מ'זעהט דארט, מיר טוהן דאס שיין איבערגיין, מיט פארשטאנד און פרייד. מיטן זיך איינקויפן ידיעה'לעך נאך און נאך. אזוי אויך לערנען מיר זיך אויס ווי אזוי צו אנוואונטשן ביי א יעדע שמחה **"מזל טוב און אסאך אידיש נחת". דער בר מצוה בחור'ל זאל וואקסן א תלמיד חכם און א יראת שמים, אן ערליכער איד...**

### ~ וואס הייסט א בר מצוה בחור ~

**מיר האבן געהערט פארשידענע זאכן** פון א בר מצוה ווי מיין רבי מיטן מנהל פארציילן אונז... אז א בחור דארף זיין א ערליכער איד.. באזונדער האבן מיר געהערט און געלערנט אין חדר ווי אזוי מען גרייט זיך צו די בר מצוה... ? וואס קויפט מען פאר א בחור, לכבוד זיין בר מצוה, - א היט, - מיט הייליגע תפילין, - דער טאטע באשטעלט די הייליגע תפילין גענוג פריה ביי א סופר, וואס ער שרייבט די הייליגע פרשיות, וואס דארט שטייט קריאת שמע מיט נאך הייליגע זאכן, א. א. וו. און **ווען מ'נעמט ארויס די הייליגע תפילין, דארף מען דאס געבן א קוש.** און אז מען טוט אן צוויי תפילין, איינס אויף די הענט, און איינס אויפן קאפ, אויף וועלכע הענט לייגט מען תפילין אויף די לינקע, א. א. וו. פארוואס מען לייגט די תפילין אויף די הענט עס זאל זיין לעבן די הארץ. און פארוואס אויפן קאפ כדי זיך צו דערמאנען מיט די קאפ און די הארץ אז די הייליגער באשעפער האט אונז ארויס גענומען פון מצרים מיט גרויסע ניסים... אזוי אויך אז א בחור טוט אן צום דאווענען א גארטל.

### ~ ווי אזוי מ'מאכט תפילין ~

**אויך האט מען דערציילט ווי אזוי מ'מאכט תפילין.** מ'נעמט אראפ די פעל פון די בהמה, (מיר האבן געזעהן די הויט פון א קוה..) מ'ווייקט דאס אין קאלאך, שפעטער מאכט מען פון דעם הארטע בתים (באקס'עלעך), מיט לאנגע רצועות, מ'פארבט דאס אין שווארץ. אין די בתים ליגן די פרשיות, וואס זענען געשריבן אויף פארמעט. און די רצועות (די לאנגע בענדלעך) לייגט מען אריין אין די לאך פון די בתים, און מ'בינדט דאס צו אויף די לינקע האנט און אויפן קאפ. די תפילין לייגן אלע גרויסע מענטשן פון די בר מצוה און ווייטער.

**אזוי וועלן מיר אי"ה ווייטער ממשיך זיין אויך קומענדיגע וואך מיט די בר מצוה שמחה** ווי מיר וועלן מאכן א קליינע היט מיט א באקס. מ'וועט גיין צו א היט סטאר און צו א קלאדינג סטאר אנטרייען היטן מיט בעקיטשעס און ס'וועט פארקומען די **גרויסע שמחת הבר מצוה קומענדיגע וואך ביום ד' ואתחנן ברוב פאר והדר** די בר מצוה בחורים וועלן באקומען א קליינע מתנה'לע. **שיינע פרייליכע זאכן.**

## חדר סקעדזשואל

**זונטאג פ' ואתחנן - תשעה באב** איז נישט דא קיין חדר

**מאנטאג פ' ואתחנן – א טאג נאך תשעה באב** וועלן די קינדער אי"ה קומען אין חדר אזוי ווי אין א געוועגליכן זונטאג 10:25 ביים ערשטן סטאפ. פרישטאג אין חדר. אהיים גייט מען געהעריג. 3:40 ערשטע סטאפ.

**אלע קינדער דארפן צוריק ברענגען דעם שווים בעג מיט די האנטוך - קראקס - עקסטערע פאר אונטער וועש, צו זיין גרייט פארן שווימען. אנגעהויבן צוריק לויטן סדר.**

זייער וויכטיג אז אלע וועש וואס די קינדער ברענגען אין חדר זאלן האבן ארויף געניייט א "לעיבל" מיט די ריכטיגע נאמען און טעל.

אויף וועש אן קיין לעיבל קענען מיר נישט נעמען קיין אחריות.

אלע קינדער דארפן האבן נאר דעם ספעציעלן **שווים בעג** פון חדר. פאר די וועלכע האבן נאכנישט קענען דאס באקומען. **פארן פרייז פון 8.00$**

**א גרינגן תענית - מיט פיל דאנק — ההנהלה**

מיט א תפלה צום בוכ"ע אז די טעג זאל ווערן איבערגעקערט לששון ולשמחה בב"א

**א יעדעס קינד דארף און וועט אי"ה מצליח זיין צו שטייגן העכער בעז"ה**

## א שמועס מיטן סופר אויפן טעלעפון

**מיטוואך אינדערפרי ביי פרישטאג,** פרעגט אונז דער מנהל ווילט עטץ מיטהאלטן א שמועס מיטן סופר? ווילט עטץ הערן וויאזוי מ'באשטעלט הייליגע תפילין? דער מנהל נעמט ארויס דעם טעלעפאן און **רופט אן דעם סופר א מלמד פון אונזערע מלמדים הרב מרדכי מאיר בער גליק שליט"א - סופר סת"ם** א רבי פון אונזערע חשוב'ע תלמידים וואס איז יעצט זומער נישט דא נאר אין **איחוד קאנטרי.**

**דער מנהל** הייבט אן פרעגן צו ער שרייבט תפילין, און וואס שטייט דארט? **ענטפערט רבי גליק שליט"א** יא זיכער שרייבט ער תפילין און דארט שרייבט מען קריאת שמע.. מיט נאך הייליגע זאכן, אז דער באשעפער האט אונז ארויס גענומען פון מצרים... אזוי הערן מיר ווייטער מיט וואס מ'שרייבט די הייליגע פרשיות פון די תפילין מיט א פעדער פון א כפרה'לע, מיט שווארצע טינט, אויף פארמעט די הויט פון א קיעלע. אזוי הערן מיר א גאנצן באריכט פון די הייליגע תפילין. צום סוף האט די מנהל ארויס גענומען א פעדער וואס רבי גליק דער סופר סת"ם האט געגעבן כדי צו ווייזן פאר אונז מיר זאלן דאס נאך בעסער פארשטיין.

אזוי האבן מיר געהאט אזא גוטע געלעגענהייט צו ווערן באקאנט און דאס אלעס זעהן מיט די אייגענע אויגן.

**מיר זענען** זייער דאנקבאר פארן **חשוב'ן סופר הרב מאיר בער גליק שליט"א** פארן אוועק געבן פאר אונז פון זיינע טייערע צייט און אזוי שיין מסביר געווען און אריבער געשיקט צו אונז א פעדער, אז מיר זאלן דאס זעהן פון די נאנט. **השי"ת זאל אייך באגליקן, ברכה מיט הצלחה צו שיקן. אין די הייליגע ארבייט אצינדער, מיט פיל נחת פון אלע אייערע קינדער.**

**אויך הערן מיר** ווייטער פון דער **מנהל פון איחוד קאנטרי חדר הרב אברהם הערש טעלער שליט"א** ער נעמט דעם טעלעפון און ער פארציילט אונז אז אויף דעם פלאץ ווי **מ'לייגט תפילין אויפן קאפ דארט לייגט מען פאר א חתן פאר די חופה אביסעלע אש** ווייל מיר דארפן געדענקען ביי א חתונה אז די ביהמ"ק איז נישט דא ס'איז פארברענט געווארן און איז געווארן אש... און אויך וועגן דעם צוקראכט די חתן א גלאז....

**זייער אינטערסאנט איז געווען דער שמועס אויפן טעלעפון ווי מיר הערן אזעלכע שיינע זאכן.**

## תפילין מעשה פארציילט אין לאנטש רום פון דעם צדיק "אלישע בעל כנפים"

**קינדערגארטן און פרי קינדערגארטן:** די וואך האבן מיר גוט אויסגענוצט די צייט און זיך שיין צוגעהערט צו די שיינע מעשה וואס ווערט געברענגט און גמרא מסכת שבת פון א גרויסן צדיק "**אלישע בעל כנפים**" וואס איינמאל האט דער דער שלעכטער קעניג נישט געלאזט לייגן קיין תפילין, דער שלעכטער קעניג האט ארויס געגעבן א גזירה אז ווער ס'וועט לייגן תפילין זאל מען איהם הרג'ענען, איז געווען א גרויסער צדיק מיטן נאמען אלישע און ער האט יא געלייגט די תפילין ווייל ער פאלגט נאר דעם הייליגן באשעפער, און איז אזוי אנגעטוהן מיט די הייליגע תפילין געגאנגען און שוהל, האט איהם באמערקט א סאלדאט און ער האט איהם אפגעשטעלט און געפרעגט פארוואס גייסטו די תפילין, האט אלישע אראפ גענומען די תפילין און געהאלטן אין זיינע הענט, און ווען די רשעים די סאלדאטן פרעגן איהם וואס איז דאס אין דיינע הענט? איז **די תפילין געווארן א פייגל און זיי האבן געזעהן אז ס'איז אזוי ווי פליגלעך פון א פייגעלע,** האט איהם דער סאלדאט געלאזט גיין ווייטער אזוי איז ער געראטעוועט געווארן אין די זכות פון די הייליגע תפילין..




## ברוכים הבאים צווייטע העלפט זומער

**מיט א ווארימע אויפנאמע** האט מען אין יעדע זומער חדר - כיתה אויפגענומען די חשובע וואוילע קינדער וואס זענען שוין אהיים געקומען פון קאנטרי. מיר ווילן אייך מיטטיילן אז מיר האבן ב"ה זייער א פיינע זומער חדר און מיר האפן אז עטץ וועט זיך דאס זייער שנעל איבערצייגן.

**כאפט אייך מיט** מיטן געשמאקן זומער פראגראם פון **מזל טוב א שמחה ביי אידן** דער זומער פראגראם גייט ב"ה מיט הנאה און געשמאק און מיר וועלן אי"ה ווייטער שפאנען מיט א פרייליכקייט צוזאמען.

**גאר א געשמאקן סדר צום שווימען** וועלן מיר צוריק אנהייבן בעז"ה צומארגנ'ס פון ת"ב, ווי די עלטערן האבן דאס באקומען פונקטליך דעם סדר, עס איז זייער וויכטיג אז אלע וועש זאלן האבן א לעיבל ווייל נאר אזוי קענען מיר נעמען די אחריות, עס איז נישט מעגליך צו האלטן חשבון אויף וועש אן א נאמען. די קינדער האבן זייער הנאה צו קענען מיטהאלטן דעם שווימען אונטערהאלטונג עס איז דא פיינע וואסער גליטשער'ס מ'לויפט מ'טאנצט עס איז אמחי', אבער ווען קינדער פארלירן זאכן אדער ברענגען נישט וואס מ'דארף האבן צום שווימען סדר פון חדר קען מען נישט מיטהאלטן דעם שווימען סדר

## פארציילט פון תשעה באב, פארשידענע ענינים מיט מעשיות חז"ל

**די וואך פ' דברים** האט מיין רבי פארציילט אז ווייל משה רבינו גייט שוין נפטר ווערן האט משה רבינו גערעדט שטראף רייד צו די אידישע קינדער אז זיי זאלן תשובה טוהן, אויך **די וואך שבת הייסט שבת חזון,** א שבת בעפאר תשעה באב, מיין רבי האט נאכאמאל גערעדט די הלכות פון די 9 טעג וואס איז די טעג די וואך פ' דברים, אויך די הלכות פון תשעה באב, אז תשעה באב טאר מען נישט זיצן אויף א הויכע בענקל און מען טאר זיך נישט אפגיסן די גאנצע הענט – נאר די פינגער און די טאטע'ס און מאמע'ס עסן נישט ווייל זיי דארפן פאסטן און מען טאר נישט אנטון קיין שיך – נאר פאפאטש (סליפער'ס) און אז די טאטעס זיצן תשעה באב אין שוהל און זיי וויינען און בעטן אז דער הייליגער באשעפער זאל שוין אויפבויען די נייע בית המקדש, מיר האלטן אלעס מיט אין א שיינעם ביכל.

**אויך האט מען דערציילט פונעם חורבן בית המקדש,** אז תשעה באב האבן די שלעכטע גוים פארברענט די בית המקדש דעם הייליגן באשעפער'ס הויז ווייל די אידן האבן זיך נישט גוט אויפגעפירט און **ירמי' הנביא** האט געזאגט פאר די אידן טוט'ס תשובה! טוט'ס תשובה! ווייל אויב נישט גייען די גוים אוועקטרייבן די אידן אין גלות אבער די אידן האבן נישט צוגעהערט צו ירמי' הנביא זענען די גוים געקומען און פארברענט די בית המקדש, און אוועק געטריבן די אידן אין גלות.

**ווען דער בית המקדש איז פארברענט געווארן** זענען געקומען וויינען צו די באשעפער אלע צדיקים, די מעשה פון **אליהו הנביא** וועקט אויף די הייליגע אבות. זיי זאלן בעטן צום הייליגן באשעפער פאר די אידישע קינדער. אויך איז **די מאמע רחל די צדיקת** געקומען וויינען און געבעטן פון די הייליגע באשעפער האב רחמנות אויף מיינע קינדער און דער באשעפער האט איר גע'ענטפערט אז משיח וועט צוריק טראגן די אידן קיין ארץ ישראל און משיח וועט קומען צו פארן אויף א אייזל און אליהו הנביא גייט בלאזן מיט א לאנגע שופר און די נייע בית המקדש גייט אראפ קומען פון הימל און עס גייט וואקסן אויפן בוים אלע מיני גוטע זאכן

**און יעצט גייען** מיר אלע טוהן אסאך מצות, אז די בית המקדש זאל שוין אויפגעבויט ווערן, די נייע בית המקדש אין הימל בויעט מען מיטן טוהן אסאך מצות **מיר העלפן בויען דעם נייעם ביהמ"ק מיט די מצוות. אויך פון די ספעציעלע טשארט צעטיל, אריין כאפן וואס מער מצווה'לעך.** און די נייע בית המקדש וועט אראפ קומען פון הימל ווען משיח וועט קומען און נאר דער הייליגער באשעפער אליין וועט ארויס נעמען די אידן פון גלות און מיר בעטן און האפן אז משיח זאל שוין קומען היינט היינט, אויך האט מען גערעדט פון די גאולה שלימה אז דער הייליגער באשעפער גייט אונז אויסלייזן פון גלות און מיר האפן יעדע מינוט אויף ביאת המשיח. ערליכע אידן ווארטן שוין אזוי לאנג אויף משיח, מצפים לישועה.

**אויך** האבן מיר געהאט א נייע ביכל פון די **מעשה קמצא און בר קמצא** מיט בילדער, אויך די מעשה פון **טיטוס מיטן פליג.** מיר האבן שיין געזונגען גוטע ערליכע ניגונים מיט ערליכע געפילן א בענקעניש צו די גאולה שלימה די באקאנטע ניגונים = גלות, אני מאמין.. בביאת המשיח.. יבנה המקדש, "רחם בחסדיך".

## מיר ווען העלפן בויען דעם בית המקדש

**אויך** די וואך האבן מיר געלערנט ספעציעל וואס דאס מיינט אידן אין גלות, אז מיר אידן קלאגן אויפן חורבן ביהמ"ק און מיר ווארטן שוין זייער לאנג אויף דעם גרויסן און גליקליכן טאג, ווען משיח וועט קומען און אויסלייזן אלע אידן פון גלות.

**מיר האבן זיך** שיין צוגעהערט ווי אזוי מיר קענען צו העלפן דעם אויפבוי פון דעם נייעם ביהמ"ק מיט אונזערע מצוה'לעך, יעדע מצוה נאך א ציגל.

**א ספעציעלע צעטל: צו קענען העלפן בויען דעם בית המקדש,** א וואנט פון ציגל ווי עס איז אריין געשריבן דערין ביי יעדע ציגל נאך א מצוה'לע וואס מיר קענען טוהן, און העלפן דערמיט בויען דעם נייעם שיינעם בית המקדש. מיט א סטיקער וואס מיר ברענגען אהיים, און דאס אריין קלעיבן ווען איך טוה א מצוה'לע, דאס וועט באשיינען אונזער הויז.

**מיר וועלן העלפן אויפבויען דעם נייעם בית המקדש וואס ווערט געבויעט פון אונזערע מצוה'לעך...**

**די ספעציעלע טשארט! איז נאכאמאל דא ביז נאך תשעה באב: צו קענען העלפן בויען דעם ביהמ"ק,**
ווען מיר וועלן דאס צוריק ברענגען נאך תשעה באב וועלן מיר באקומען א גוטע פרייז.

## לאנטש רום מעשה ביים הייליגן צאנזער רב זי"ע העלפן בויען דעם נייעם בית המקדש

**אין לאנטש רום האבן מיר אויך געהערט א שיינע מעשה** פון די מנהל, וואס איז געווען **ביים הייליגן צאנזער רב זי"ע** אז די מענטשן ארום האבן באמערקט אז דער הייליגער צאנזער רב ז"ל איז געווארן פרייליך און ווען מ'האט געפרעגט פארוואס איז ער היינט אזוי פרייליך האט ער ערקלערט אז ער זעהט אז דער נייער ביהמ"ק און הימל, וואס מיר בויען אויף מיט אונזערע מצוה'לעך איז שוין ממש פארטיג אינגאנצן אפילו דער פירהאנג.. ביי די טיר. אבער נאכדעם האט מען געזעהן אז **דער הייליגער צאנזער רב זי"ע** איז שוין מער נישט פרייליך נאר גאר פארקערט!! האט ער פארציילט אז עפעס א רשע האט זיך יעצט געשלאגן מיט זיין חבר און געטוהן אן עבירה אזוי אז דער פירהאנג פון דעם בית המקדש האט ער צוריסן.. אזוי הערן מיר אז מ'טאר זיך נישט ארום קריגן נאר **מיר וועלן טאקע זיין זייער וואויל און העלפן בויען דעם נייעם בית המקדש וואס שנעללער.. מיט אונזערע מצוה'לעך.**

## די שווים זאכן צוריקברענגען מאנטאג נאך תשעה באב

**די קומענדיגע וואך מאנטאג** (צומארגנס פון תשעה באב) ברענגען די קינדער צוריק אין חדר אלע שווים זאכן אריינגערעכנט דעם שווים האנטוך אין דעם שווים בעג, צו די הנאה און פארגעניגן פון די לעכטיגע קינדערלעך שיחיו. ווי די קינדער וועלן אי"ה צוריק אנהייבן גיין שווימען נאך תשעה באב.

**מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען** די חשוב'ע עלטערן אז אזוי ווי די קינדער האבן ב"ה זייער הנאה מיט צוהאלטן דעם שווימען סדר, פראבירן מיר אז אלע קינדער זאלן האבן די נויטיגע זאכן דערצו, אויף א גרינגן פארנעם.

**די קינדער דארפן האבן** אן עקסטערן פאר אונטער וועש וואס בלייבט אין חדר אנצוטוהן נאכן שווימען ווי פארשטענדליך <u>אז יעדע זאך וואס קינדער טוען אויס דארף צו האבן ארויף געניייעט א נאמען לעיבל מיט די נאמען און טעלעפאן נומ. ריכטיג.</u>

**ווען קינדער** ברענגען אין חדר וועש <u>אן א לעיבל</u> קענען די מלמדים נישט האלטן די וועש מיט אחריות נאר די קינדער טוען אן וואס זיי טרעפן. די זעלבע איז ווען דער לעיבל איז פון א קאזן אדער שכן. מיר פראבירן צו מאכן א סדר מיט די קינדער וויאזוי דאס אויף צו הענגען אז זיי זאלן דערקענען זייער'ס, אבער נאר מיט א לעיבל איז דאס שייך צו באגלייטן.

**ואתכם הסליחה. מיט אנטשולדיגונג.**

**סדר פון די שווימען וועש איז ווי פאלגענד:** די אונטער וועש ווערט געטוישט נאכן שווימען צו די אנדערע סעט וועש וואס איז דא אין חדר פון די פאריגע מאל, און די נאסע וועש הענגט מען אויף אין חדר אויף די ספעציעלע הענגער'ס גרייט פארן נעקסטן מאל צום שווימען. אלעס דארף האבן א לעיבל מיט א נאמען ארויף גענייט נישט געקלעיבט.

## חכמה'לעך

**ווען עמרם** איז געגאנגען שלאפן, האט ער געזאגט מ'דארף וואטשן די קאפל זאל נישט אראפפאלן ווייל כ'גיי נישט האבן קיין ירושלים... (יראת שמים).

**מאיר** איז אן אמת'דיגע נחת אינגל, ער וויל באמת זיין א ירא שמים, אזוי ווי מאיר האט געלערנט אין חדר די מעשה פון רבי נחמן בר יצחק אז די קאפל דארף אייביג זיין אויפן קאפ ווייל די קעפעלע דארף אייביג זיין צוגעדעקט, האבן מיר געזעהן א מורא'דיגע זאך. יעדע מאל ווען מאיר טוט זיך אן און אויס, וואטשט ער זייער שטארק אז די קאפל זאל זיין די לעצטע זאך ביים אויסטוהן און עס זאל זיין גלייך די ערשטע זאך ביים אנטוהן אזוי זאל זיין הייליגע קאפ אייביג זיין צוגעדעקט.

**פרייטאג**, ביים גיין אין וואנע לכבוד שבת, האט מאיר נישט אויסגעטוהן זיין קאפל ביז גלייך ווען ער איז אריין אין וואנע! ער איז א אמת'דיגע מצו-ה אינגל וואס וויל באמת אויסוואקסן א תלמיד חכם!

**שלום** גיבט שטענדיג אכט אז זיין קאפל זאל נישט אראפאלן פון קאפ, ער קען שוין קים ווארטן אז מ'זאל אים אפשערן, אזוי וועט זיין קאפל נישט אזוי גרינג אראפאלן פון קאפ.

**שווימען קליידער**
**נישט פארגעסן אלע שווים זאכן צוריק צוברענגען**
**תיכף מאנטאג נאך תשעה באב.**
**1) שווים בעג, 2) ראוב, 3) קראקס, 4) עקסטערע פּאָר אונטער וועש.**
**אלע וועש געלעיבלט**

**ברוכים הבאים**
מיר ווילן באגריסן די נייע קינדער וואס האבן די וואך אנגעהויבן חדר בשעטומ"צ
**יעקב ווערצבערגער, אשר יונה שטעסל**

# אונזער שיינע שמחה - די הכנות צו די גרויסע "בר מצוה" מיר מאכן תפילין ביי אונז אין חדר #1







די קינדער שטעלן צוזאם די שיינע תפילין









אלעס איז געשפאנט אלעס ארבייט מיט,



עס ווערט שענער פון מינוט צו מינוט




די שמחה איז געוואלדיג







א יעדעס קינד פורבירט דאס בעסטע וואס ער קען







מיר לייגן אריין א קליינע צעטעלע אין די תפילין







# אונזער שיינע שמחה - די הכנות צו די גרויסע "בר מצוה" מיר מאכן תפילין ביי אונז אין חדר #2





אין די תפילין לייגן מיר אדריין פיינע נאש





מיר פורבידן אויס ווי אזוי דארף מען דאס אנטון





מיר דרייען אן אויף די הענט און ווייסן שוין וויאזוי צו לייגן די תפילין אויפן קאפ







אונזער שיינע תפילין באטל






די שמחה און פרייליכקייט ווען מיר גייען אהיים מיט די שיינע ציצית

# אונזער שיינע שמחה ־ די הכנות צו די גרויסע "בר מצוה" מיר מאכן תפילין ביי אונז אין חדר #3



די הויט די פעל פון די קוה





מיר קענען דאס - באטאפן — זעהן — און פילן









ברוך הבא דער סופר ביי אונז אין חדר. א יעדעס קינד קען זעהן פון די נאנט מיט א פארשטאנד א יעדע זאך פון די הייליגע תפילין









די פרשיות, דער פעדער, דאס שרייבן









מיר באטראכטן אלעס פון די תפילין פון די נאנט די תפילין פון די הענט די תפילין פון די קאפ









# אונזער שיינע שמחה - די הכנות צו די גרויסע "בר מצוה" מיר מאכן תפילין ביי אונז אין חדר #4




דער סופר שרייבט און ווייזט פאר אלע קינדער



אלעס הערט זיך צו, אלעס קוקט, עס איז זייער אינטערסאנט פאר אונז



מיט א פרייליכקייט גייען מיר אהיים מיט די תפילין

# ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל

מתוך רגשי שמחה וחדוה עילאה, אנו משגרים את ברכותינו, אל מעלת כבוד ידידינו הנכבד והנעלה, עומד בראשות מוסדותינו, עושה ומעשה לעדרי צאן קדשים, מסור בכל לב ונפש למען המלמדים בכל עת מצוא, עושה חסד אתנו בכל עת וזמן, על כל דבר קטן וגדול שנשאל ממנו, לא ינוח ולא ישקוט, ועומד הכן לעזרתינו בתמידיות בכל ענין וענין, בכלל ובפרט, איש האשכולות ורב תבונות. ה"ה

**הרבני החסיד הנגיד נודע בשערים ובתהלה**

## מו"ה יואל וועלץ שליט"א

**אדמיניסטראטאר של מוסדותינו הק'**

## מזלא טבא וגדיא יאה ~ משמי מרומא עילאה

נהללך בשיר השירים, אדם יורד תוך שדהו ורואה תאנה שביכרה
אומר הרי אלו ביכורים,
בשמחתך הגדולה באירוסי בתו הבכירה בעזר יוצר כל יצורים,
ה"ה הכלה החשובה המהוללה,
עב"ג החתן היקר המו"מ בתוי"ש,

ה"ה הבחור החתן **יושע ראזענבערג** נרו יאיר

בן הרבני הנכבד והנעלה, נודע לשבח ולתהלה, איש יקר רוח, כש"ת, ה"ה

## מו"ה יואל יצחק ראזענבערג שליט"א

**בן הרה"ג ר' מרדכי ראזענבערג שליט"א וחתן מו"ה יוסף ראטענשטיין שליט"א**

צרופה בזה ברכתינו, בתפלה קדם רבון עלם ועלמיא, זכות התורה של אלפי ילדי התשב"ר יעמוד בעדך שיזכה מע"כ ביחד עם נוות ביתו החשובה שתחי', לרוות רב תענוג ונחת בנהורא מעליא, ושיהי' קשר של קיימא ובנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, ברוב נחת מכל יוצאי חלציו, ויתברך בכל הברכות האמורות בתורה, בנין וחתנין רבנן אשר כזוהר הרקיע מזהירים, וימלא ה' כל משאלות לבבו לטובה ולברכה, ועוד רבות בשנים יזכה להרבות פעלים לתורה ולתעודה בהמשכה, מתוך הרחבת הדעת ומנוחה, עדי נזכה במהרה לישועה, בישועתן של ישראל ושמחתן בהתגלות כבוד שמים עלינו בביאת גואלינו מלכא משיחא במהרה אמן.

### הכ"ד המאחלים ומברכים בלונ"ח מתוך רוב שמחה

יושע העכט, יודא טרייטל פרענקל, ארי' אשר רובין, יואל ארי' מאלה, מאיר יעקב גאלדבערגער, יצחק קארפען, אהרן דוד רובינשטיין, יחזקאל יוסף כהן, יחזקאל שרגא טייטלבוים, יואל הכהן כהנא, זלמן לייב פריעדמאן, ירמי' מאיר פאגעל, יחזקאל אביגדור קליין, יואל וואלף שווארטץ, יואל כ"ץ, יואל מיכאל גאטהעלפער, יושע מאיר ווייזער, דוד יואל הערשקאוויטש, יעקב מאיר סרוגא, שמעון פריעד, שמעון שטיינבערגער, חיים לייפער, שלמה ניסן, מאיר בער גליק, יהודא לייב פוקס, ירמי' לעווי, יואל שלמה פארקאש, יצחק אייזיק ווערצבערגער, אברהם בערגער, יחיאל שטעסל, בנימין כהן, יואל טויב, ברוך הורוויץ, יואל לעבאוויטש, יואל הערש בערקאוויטש, אברהם גרין, חיים הערצאג, אלעזר ארי' יונגרייז, יואל כאידה, מאיר משה שפיטצער, יצחק ליכטענשטיין, יצחק אייזיק יאקאבאוויטש, אברהם רובינפעלד, זלמן לייב דערבארימדיגער, דוד קאהן, שרגא פייוויש היילפרין, משה יודא הירש, חיים מארמארשטיין,
גם אנו מצטרפים בידידות כנה מעומק הלב:

**ישעי' יצחק הכהן רובין** - מנהל, **אליעזר צבי הכהן כ"ץ** - סגן מנהל,

## זייער וויכטיג וועש לעיבלס - טוהן א חסד און אליינס הנאה האבן דערפון

**במשך די זומער וואכן** ווען די קינדער גייען שווימען, און זיי טוהן זיך אויס די וועש, איז אפילו מען האט א לעיבל קען זיך אמאל מאכן אז א קינד פארטוישט זיך מיט א שכן איינע פון זיינע וועש, איז דאס בעסטע זיך אליינס ארויס העלפן איינער דעם אנדערן מיט א חסד.

**ווילן מיר טאקע בעטן** זייער חשוב'ע עלטערן ווען מ'זעהט אז א קינד האט אהיים געברענגט וועש סיי וואס צום ביישפיל א ציצית, אדער א העמד, זאקן, וואס האט א לעיבל מיט א נאמען פון א צווייטן קינד, ביטע טוט א חסד און רופט אן דעם טעל. נומ. און שיקט דאס צוריק צום מלמד מיט א צעטיל אז דאס דארף מען איבער געבן פאר יענעם תלמיד. אזוי וועלן זאכן שנעלער צוריק קומען און נישט ווערן פארלוירן .

**די קינדער טוהן זיך ב"ה מער וויניגער אליינס אן** און עס מאכט זיך אמאל אז ער האט גענומען זיין שכנ'ס א זאך און קיינער קען דאס נישט באמערקן בשעת די גאנצע חדר ארבייט אויפאמאל מיטן זיך אנטוהן אפילו די קינדער האלטן באמת די וועש עקסטער יעדער אין זיין שווים בעג דאך מאכט זיך זייער אפט אז בשעת'ן אנטוהן קען זיך דאס פארמישן מיט א שכן.

**די קינדער** האבן באמת הנאה פונעם שווימען סדר, און אפילו עס קומט נישט אן גרינג פאר א מלמד טוט מען דאס גערן צו די הנאה פון די טייערע קינדער'לעך.

## עלטערן קענען אסאך ארויס העלפן !

**ווי באקאנט יעצט אין די זומער וואכן** פעלן אסאך קינדער פרייטאג און זונטאג און דעריבער האט מען צוזאם געשטעלט די באס רוט'ס. און ב"ה די ערשטע וואך שוין איז דאס געווען מיט א סוקסעס <u>די טראנספארטעישן מענעדזשמענט האט אריין געלייגט אסאך כוחות אז אלעס זאל קלאפן עצהיו"ט</u> און עס האט זיך זייער שטארק אנגעזעהן ב"ה.

**מיר ווילן בעטן** זייער חשובע עלטערן מ'קען מיט א קלייניקייט אסאך צוהעלפן. עס איז דא באסעס וואס דארפן ארום פארן מערערע גאסן צוליב איין סטאפ פאר איין אינגל, ספעציעל איז דאס מער ביי די נייע געגענטער. **איז אויב א משפחה ווייסט אז זיי וועלן נישט זיין דא דעם פרייטאג אדער זונטאג <u>זאל מען ביטע זאגן פארן באס רבי' דאנערשטאג</u>** אזוי וועט דאס אסאך גרינגער מאכן נישט צו דארפן פארן אין די שווערע היצן עקסטערע גאסן עס איז ממש איין קלייניקייט אבער טוט אסאך אויף **מיט פיל דאנק**

## באזוך פון דעם סופר

**דעם מיטוואך** האבן מיר געהאט אזא שיינע ערשיינונג א געלעגענהייט אז א חשובע סופר **הר"ר אליעזר שפיצער שליט"א סופר סת"ם** זון פון חשובן מנהל **הרב מרדכי ארי' שפיצער שליט"א** איז אראפ געקומען צו אונז אין חדר און איינע פון די כיתות וואס ווערן יעצט זומער נישט גענוצט פאר קינדער. **דער סופר** האט אויפגעשטעלט א סופר טיש מיט אלע שרייב געצייג. א פעדער, מיט די טינט, א שטיקל קלף צו שרייבן דערויף. און אלע כיתות און א סדר קומען זעהן און מיהאלטן ווי דער סופר שרייבט אויף א שטיקעלע פארמעט, ממש די הייליגע א"ב ווי אזוי מ'שרייבט עס אין די הייליגע תורה. מיר האבן געהאט א גלעגענהייט אפילו צו זאגן וועלכער אות דער סופר זאל שרייבן.

**דער סופר** האט אויך מיטגעברענגט די פרשיות פון די תפילין, 4 פאר די תפילין פון קאפ און איין לענגערע פאר די תפילין פון די האנט. מיר קענען זעהן וויאזוי מען לייגט דאס אריין אינעווייניג און אויך זעהן מיר די רצועות וואס קומט מיט די תפילין. מיר ווייסן שוין אז די אלע זאכן קומען פון די הויט פון א בהמה.

**מיר זענען זייער דאנקבאר פארן חשובן סופר וואס האט אוועק געגעבן פון זיין טייערע צייט פאר אונז אראפ צו קומען און אלעס געוויזן אזוי שיין. זאל אייך דער באשעפער באצאלן מיט ברכה און הצלחה אין די הייליגע ארבייט.**

## די הויט - די פעל פון די קוה

מיר האבן געקענט מיטהאלטן פון די נאנט ווען די מנהל האט אונז געוויזן א **גרויסן שטיקל פעל פון א קוה** מיר האבן דאס באטראכט פון די נאנט און געקענט אנרירן און באטאפן, זיך באקענען מיט די הויט פון א קוה, און די אלע זאכן וואס מ'מאכט דערפון.

## ווערליידט דאס מערסטע

**א באס פין** איז געמאכט געווארן צו קענען וויסן די אינפארמאציע פון א קינד אין יעדן פאל. נישט נאר ביים גיין צום באס, נאר אויך אין חדר ווען א קינד מישט זיך אמאל אויף מיט זיין געוואוינהייט און שפאצירט אריין צו זיין קלאס פון א גאנץ יאר, ווי אזוי ווייסט מען וואו אהין מען זאל צו פירן דעם קינד, צום ריכטיגן חדר צו זיין רבי? <u>**נאר מיט די באס פין.**</u> סיי וועלכער מלמד גיבט א קוק אויפן פין און קען העלפן דעם קינד זייער שנעל. <u>**אבער ווען א קינד האט נישט קיין באס פין קען מען איהם נישט העלפן, נישט צו גיין צו זיין קלאס, נישט צו גיין צו זיין באס חדר, און נישט צו זיין באס,**</u> וואס פאסירט דעמאלטס? דאס איז איבעריג צו שרייבן!!

**נאכמער זונטאג און פרייטאג** ווען עס ווערן אמאל צוזאם געשטעלט קלאסן, מיט באסעס, דאס קינד האט אן אנדערן רבי'ן. אז ער האט א באס פין איז אלעס מסודר, און אז נישט? ליידט ער אליינס

**דער זומער חדר פין אליינס** איז נישט גענוג אויף צו וויסן אויף וועלכער באס דאס קינד דארף גיין..

**מאמי! פליז טוה אן מיין באס פין אויף מיר, יעדן איינציגן טאג!!**

**מאכט זיכער נישט אנטון די באס פין פון א גאנץ יאר, אפילו ס'איז די זעלבע קאליר, איז דא נאך אינפארמאציע דערויף וואס איז נישט די זעלבע.**

### וויכטיג וויכטיג

**עס איז זייער וויכטיג יעדן טאג אן אויסנאם אז די קינדער זאלן קומען מיט די זומער באס פינ'ס.**

**נעמט דאס נישט פאר לייכט נאר די קינדער ליידן דערפון דאס מערסטע.**

### נייעס ליין שער הנגינה

**געוועדליך ווערט די שער הנגינה גע'אפדעיטעד דאנערשטאג ווי די קינדער זינגען די ניגונים וואס ווערט געלערנט מיט זיי. 718 407-7460 1/5/6**

**הערט און האט'ס הנאה**

### וויכטיג און פאסיג

**עס איז זייער וויכטיג און פאסיג יעצט אין די זומער וואכן, אויסצולערנען פאר די קינדער אינדערהיים אביסל זיך אליינס צו קענען אויסטוהן און אנטוהן,**

<u>**יעצט ווען די מלמדים העלפן פאר א קינד מיטן גיין שווימען איז פיל שווערער ווען א קינד קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט גארנישט,**</u>

**אין חדר ווייזן די איבערגעגעבענע מלמדים וויאזוי זיך אויסטון און אנטון מיט א סדר אבער אז מען העלפט דאס אויך צו פון שטוב וועט דאס גיין אסאך גרינגער אי"ה.**

### וואס איז היינט געווען אין חדר?

**מיטצוהאלטן** א יעדן טאג וואס הערט זיך אין קינדערגארטן זומער חדר, קענט איר אריין רופן צו דעם נייעס ליין אויף

**718-407-7460 – 1-5**

**אזוי אויך וועלן ווערן ארויפגעלייגט די זומער ניגונים פון חדר ביים שער הנגינה אפטיילונג**

# מזל טוב ווינקל

ברכת מזל טוב פאר הילד
מרדכי יודא ב"ר הערשל לעפקאוויטש נ"ו
לכבוד די געבורט פון זיין ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב חיים הלוי מארמארשטיין שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
יוסף מאיר ב"ר יצחק גאנדל נ"ו
לכבוד די געבורט פון זיין ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יצחק ליכטענשטיין שליט"א
הרב אברהם רובינפעלד שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
מרדכי ב"ר אשר זעליג זעליקאוויטש נ"ו
לכבוד זיין חדר פירן און לערנען די א'ב'
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א
הרב יואל מיכאל גאטהערער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
חיים ב"ר אלימלך שטיין נ"ו
לכבוד די געבורט פון זיין ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב חיים לייפער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
מאיר ב"ר אשר זעליג זעליקאוויטש נ"ו
לכבוד זיין ברודערס חדר פירן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יצחק קארפען שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
יעקב יוחנן ב"ר בנימין איידליס נ"ו
לכבוד זיין ברודער'ס בר מצוה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל ארי' מאלח שליט"א -
הרב זלמן לייב דערבארימדיגער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
משה ב"ר יואל ב"ר יצחק ראבליץ נ"ו
לכבוד זיין שוועסטער איז א כלה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל ארי' מאלח שליט"א
הרב זלמן לייב דערבארימדיגער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
מרדכי ב"ר ברוך יודא זעליקאוויטש נ"ו
לכבוד זיין פלומעניקס חדר פירן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב שרגא פייוויש היילפרין שליט"א
הרב דוד קאהן שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
אורי בן הרב משולם ישכר הורוויץ נ"ו
לכבוד זיין פעטער איז א חתן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ירמי' סג"ל לעווי שליט"א
הרב יצחק אייזיק יאקאבאוויטש שליט"א

## אויפמערקזאמקייט – להסיר מכשול

עס איז אן איינגעפירטע זאך אין חדר אז יעדעס מאל ווען די קינדער עסן פליישיג'ס פאר מיטאג שיקט מען א מעלדונג פאר די עלטערן סיי א טאג בעפאר און סיי אין דעם טאג וואס די קינדער האבן געגעסן פליישיג,
כדי די עלטערן זאלן וויסן און קענען זיין אפגעהיטן מיט די הלכה.
עס מאכט זיך אבער אז קינדער לאזן איבער די צעטליך
אדער אין חדר אדער אויפן באס.
**מיר לייגן דאס געוועהנדליך אויך ביי די טעלעפאן נייעס פון יענעם טאג.**
עס איז כדאי צו וויסן, אז די קינדער האבן פליישיג'ס א יעדן דריטן דינסטאג.

## הערליך שיין - פראקטיש - ביליג







שמחות ביי אידן ב"ה. עס איז אונז געלונגען אהער צו שטעלן שיינע **"מזל טוב" פעקלעך** פאר גאר ביליג. דאס טוט באשיינען די אידישע שמחות ב"ה, פילע עלטערן בעלי שמחות זענען שטארק דאנקבאר ווי שיין און ביליג די פעקלעך זענען געווען,
מיט די העכסט צופרידענהייט.
באזונדערע שיינע דיזיינס לויט די שמחה,
**קרי"ש ליינען – וואכנאכט**, א הערליכע פרינט בעג.
**אפשערן** און חדר פירן א הערליכע פרינט בעג, אזוי אויך ביי סיי וואס פאר א שמחה אז איר ווילט פעקלעך ווי למשל **הכנסת ספר תורה**, אדער **חברת תהלים**, סיי ווען איר דארפט א **"שיינע מזל טוב פעקעלע"** זענען מיר גרייט אייך דאס צו צושטעלן בעזהשי"ת.
**פאר באשטעלונגען רופט דעם חדר נומ. 718-407-7460 # 2217**

**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד – צו באשטעלן פעקלעך רופט אין אפיס: 718-407-7460 Ext 1 – 6**